# אָשר שוואַרצמאַן

לעקסיקאָן | 1890-1919



Image courtesy of Blavatnik Archive



אשער שווארצמאן

אַלע לידער און בריוו

מעלוכע-פארלאג
פון קינסטלערישער ליטעראטור
מאָסקווע — 1961

1961

And the earth would tell the winds
The secret, quietly, at night.
And the forest would rustle in the morning,
And everyone would say:

She loves him…
She loves him…

The spring would whisper to the river,
The spring would say — during the day, facing the sun,
In the wide field, before the distant dirt road —

She loves him!
She loves him!

Every person, like a friend,
Would greet me at their door with love,
And the words would beam and shine:

She loves you?!
She loves you?!

I would scale the highest peak,
And stand there, announcing, with a flash of lightning,
to half the world:

She loves me!
She loves me!

Kiev, 1911

און ס׳וואָלט דעם סאָד באַנאַכט די ערד
דערציילט די ווינטן שטילערהייט,
וואָלט אינדערפרי גערוישט דער וואלד,
און ס׳וואָלט גערעדט שוין קינד־און־קייט:

זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב...

דער קוואל וואָלט איינגערוימט דעם טייך,
וואָלט ער באטאָג אנטקעגן זון,
אין ברייטן פעלד, פאר ווייטן שליאך
דערציילט דערפון:

זי האָט אים ליב!
זי האָט אים ליב!

ס'וואָלט יעדער מענטש מיך, ווי א פריינט,
באגריסט מיט ליבע בא זיין שטוב,
און ס'וואָלט געשטראלט,
און ס'וואָלט געשיינט:

זי האָט דיך ליב?!
זי האָט דיך ליב?!

כ'וואָלט אפן העכסטן פעלדזן-שפּיץ
ארופגעגאנגען, זיך געשטעלט
צו לאָזן וויסן מיט א בליץ
א האלבער וועלט:

זי האָט מיך ליב!
זי האָט מיך ליב!

קיעוו, 1911

War Motifs

Like the roar of winds across snow-covered fields,
Like the howling of wolves in anguished forests, —
The wail of my pain dies, helpless.

Like a root in the frozen earth --
So too, in this cold, steel-stiff life,
my heart, lonely beyond repair, shrinks in pain.

A modest joy remains in my heart:
The joy of a blind man, who taps with his stick
And comes upon the path he is walking.

A frosty night, an abandoned barn;
I sit, like a dog by its master, at my fire,
And soon a kettle of tea will be ready.

1917

# מילכאָמע־מאָטיוונ

ווי ס׳ברומענ פונ ווינטנ אפ פעלדער פארשנייטע,
ווי ס׳וועלפישע הוילנ אינ וועלדער פארוויטע, —
פארגייט אומבאהאָלפנ דער קלאָג פונ מײַנ פּײַנ.

אזוי ווי א וואָרצל אינ ערד אינ פארפרירטער —
אזוי אינ דעמ קאלטנ אונ שטאָל-שטײַפנ לעבנ
דאָס הארצ א פארעלנטס שרומפט ווייטעקדיק אײַנ.

איינ אָרעמע פרייד איז אינ הארצנ געבליבנ:
די פרייד פונ א בלינדנ, וואָס טאפט מיטנ שטעקנ
אונ טרעפט אָנ די סטעזשקע, אפ וועלכער ער גייט.

א פראָסטיקע נאכט, א פארלאָזענער שײַער;
איכ זיצ, ווי א הונט לעבנ האר, בא מײַנ פײַער,
אונ באלד וועט א קעסעלע טיי ווערנ גרייט.

1917

Like a field in a summer afternoon,
When a distant tree and its every branch,
Stands bold and clear —
Such is the stillness of my heart.

And like the dove, who flies out
Of the tower's spire into the lap of the heavens,
Into the blue-white void,—
So flutters my heart.

And like the sea at midnight,
And like the mean game of battle —
So too is my heart…

On rocky paths I wander blind,
But underneath the rocks, I hear, running,
And trickling, fresh, a stream —

The echo, which comes from eternity,
The entirety, all of dust —
My heart, sinking into the abyss.

Kiev, 1917-1918

ווי זומער ס'פעלד נאָכ האַלבנ טאָג,
ווענ בוימ פונ ווײַט מיט יעדנ צווײַג
שטייט בוילעט, קלאָר, —
אַזוי איז שטיל מײַנ האַרצ.

אונ ווי די טויב, וואָס פליט אַרויס
פונ טורעמ-שפּיצ אפ הימל-שויס,
אפ בלויענ בלויז, אפ ווײַסנ בלויז, —
'זוי פלאַטערט אָפט מײַנ האַרצ.

אונ ווי דער יאַמ אינ מיט פונ נאַכט,
אונ ווי די בייזע שפּיל פונ שלאַכט,—
איז אויכ מײַנ האַרצ...

אפ פעלדזנ-שטעגנ כ'בלאָנדזשע בלינד,
נאָר אונטער פעלדזנ, הער איכ, רינט
אונ ריזלט פריש א שטראָמ —

דער קלאַנג, וואָס גייט פונ אייביקײַט,
דאָס גאַנצ, וואָס איז פונ שטויביקײַט, —
מײַנ האַרצ, וואָס זינקט אינ טהאָמ.

קיעוו, 1918—1917

Vision

Now, my beloved—come!
The Prophet's word lifted them up
From pits and from swamps.
From modest graves
On high, down low, in many lands
An army rises, strong, with praise and song,
And he who sows the field of death with tears,
He shall reap the new harvest with joy…
They go in groups, like flocks of young deer,
They go in rows, like the ranks of angels.
With them, the proud spirit,
Who rests on silent regiments,
The rush of artillery running with them.
And you, my blue-white bride,

Come with me
Towards my radiant brethren.
Come redeem your poor, sad body
In the sea of knowledge and mercy,
In life that vanquished death with death,
Carrying its gleaming goblet
Through fire and through blood.
I want to unite you
With Song, already resounding,
Like a thousand waterfalls,
Shaken by the heavens.

1917-1918

## זעונג

איצט, ליבסטע, קום!
דעם נאַווים וואָרט האָט אופגעהויבנ זיי
פונ גריבער און פונ זומפּנ.
פונ קוואַרים אָרעמע
אפ באַרג און טאָל פונ לענדער פיל
שטייט אופ א כּײַעל גרוים מיט לויב און מיט געזאַנג,
און ווער מיט טרערנ האָט געזייט דאָס פעלד פונ טויט,
דער קערט מיט פרייד צום שניט צום נײַעם...
זיי גייענ קיטעסווײַז, ווי סטאַדעס יונגע הירשנ,
זיי גייענ קייטנווײַז, ווי רייענ פונ מאַלאָכים.
מיט זיי דער שטאָלצער גײַסט,
וואָס רוט אפ שווײַגנדיקע פּאָלקנ,
דער רויש פונ באַטאַרייעס לויפנדע מיט זיי.
און דו, מײַנ בלוילעכ-ווײַסע קאַלע,

מיט מיר קום אופ
אנטקעגנ מײַנע שטראַלנדיקע ברידער.
קום אויסלייזנ דײַנ אָרעם-טרויעריקנ לײַב
אינ יאַם פונ וויסנ און פאַרגעבנ,
אינ לעבנ, וואָס האָט טויט דורכ טויט באַזיגט,
וואָס טראָגט זײַנ בלישענדיקנ בעכער דורכ
דורכ פײַער און דורכ בלוט.
באַהעפטנ וויל איכ דיכ
צו ליד, וואָס טוט שוינ שאַלנ,
ווי טויזנט וואַסערפאַלנ,
וואָס הימלענ טרייסלענ אופ.

1918 — 1917

Be here with me,
Quiet, close with me —
And be the horizon of my nameless goals,
The darkness of my aimless feelings.

Your body's pure song
For my heart's approaching age —
Is like the sound of rest
Settling, at the dark-red sunset,
On tired battlefields.

In the quiet gloom after the battle
The black eagle of dusk
Dunked in his head up to his neck.

To drink the blood
Of the flayed red horizon…

But here with you,
Quiet, close with you
I am still drawn, somewhere, to nameless goals,
And I am still lulled to sleep by a darkness of aimless feelings.

Kiev, 1918

זײַ דאָ מיט מיר,
אינ שטילער נאָענטקײַט מיט מיר —
און זײַ די ווײַט פונ מײַנע נאָמענלאָזע צילנ,
די טונקלקײַט פונ מײַנע בלאָנדזשנדע געפילנ.

דײַנ קערפערס לויטערער געזאנג
פאר הארצנס קומענדיקער עלטער —
ווי רוע-קלאנג
באמ טונקל-רויטנ זונ-פארגאנג
אפ מידע שלאכטנ-פעלדער.

אינ שטילער אומעטיקײַט נאָכ שלאכט
האָט שווארצער אָדלער פונ פארנאכט
דעמ קאָפּ ביז האלדז פארטונקענ.

פונ אויסגעשפרייטנ רויטנ האָריזאָנט
דאָס בלוט צו טרינקענ...

נאָר דאָ מיט דיר,
אינ שטילער נאָענטקײַט מיט דיר
מיכ ציט נאָכ ערגעצ-ווו צו נאָמענלאָזע
צילנ,
מיכ וויגט נאָכ אײַנ א טונקלקײַט פונ
בלאָנדזשנדע געפילנ.

קיִעוו, 1918

## Uprising

In the cold winter's night, under the shine of gleaming stars,
Fires burn in distant regions.
In dark woods,
In shallow trenches,
In the dark shadows  of burning villages
Rows of insurgents snake along,
rifles in hand, and warm blood in their hearts.

From poor homes, from airless smithies,
From long wandering nights, from hungry days,
You, my many brothers, have arrived,
To show
The price of quiet toil,

## אין אופשטאנד

אינ קאלטער ווינטער-נאכט, בא שײַנ פונ
בליצנדיקע שטערנ,
אפ ווײַטע געגנטנ צעפלאקערנ זיכ סרייפעס.
אינ וועלדלעכ טונקעלע,
אינ האלבע שוצגראָבנס,
בא טונקלער זײַט פונ ברענענדיקע דערפער
זיכ שלענגלענ שורעס מורדימ
מיט ביקס אינ האנט, מיט וואַרעמ בלוט אינ הארצנ.

פונ הײַזער אָרעמע, פונ שטיקנדע ווארשטאטנ,
פונ לאנגע וואָגל-נעכט, פונ הונגעריקע טעג
געקומענ זײַנט איר, ברידער מײַנע פילע,
צו ווײַזנ
די פרײַז פונ שטילער מי,

The pain of your body,
The cry of generations and eras.

I hear: the rattling chains of generations of slaves, aroar,
With thin bones strewn across life-wearied roads,
The blood of masses of my brothers now boils,
Hand to hand and head to head, slaughtered,
On the battlefields of this round earth.

I know: the tender human body will go on trembling
In a mix of filth and blood,
And no holiday has lit up
Midnight's horizons,
But someone wants the pain, and someone wants the
blood.

My gaze turns cold, like the gray day of Eskimos,
In the snowy-savage land…
A rifle in my hand,
warm blood in my heart,
I hide now,
Lying in wait for the enemy.

Kiev, 1918

דעמ וויי פונ אײַער לײַב,
דעמ אויסגעשריי פונ דוירעס און פונ צײַטנ.

איכ הער: ס'ברומט אופ דער קייטנ-קלאנג פונ דוירעס
קנעכט.
מיט אָרעמענ געביינ צעשאָטענע אפ לעבנס-מידע וועגנ.
ס'זידט אופ דאָס בלוט פונ מענגעס מײַנע ברידער,
מיט האנט צו האנט און קאָפּ צו קאָפּ געשאָכטענע
אפ שלאכטפעלדער פונ קײַלעכדיקער ערד.

איכ ווייס: ס'וועט צארטעס מענטשנ-לײַב נאָכ ציטערנ
אינ א געמיש פונ קויט און בלוט,
און ניט קיינ יאָמטעוו האָט באלײַכט
איינמיטנ נאכט די האָריזאָנטנ,
נאָר עמעצ וויל דעמ פײַנ, און עמעצ וויל דאָס בלוט.

מײַנ בליק ווערט קאלט, ווי גרויער טאָג פונ עסקימאָסנ
אינ שניייִק-ווילדנ לאנד...
מיט ביקס אינ האנט,
מיט וואראעמ בלוט אינ הארצנ
פארטײַע איכ זיכ איצט
און לאָקער נאָכ דעמ סוינע.

קיִעוו, 1918

In the bleak land of mortals,
To the one who is already crushed by the torturous yoke,
What could I say?
To the one who cools the pain of his suffering with ash,
What words could I utter?

With but a cloth for my loins,
With a bare head,
With blood seething in my heart,
I will now turn to the wasteland.
The cave will be my shelter for the night.
And the whirlwind and the Desert my companion for the day…

And I will not return to the Land,
Until
I hear the word, the full word, of redemption.

Kiev, 1919

אין טריבן מענטשן-לאנד,
פאר דעם, וואָס פאלט שוין אונטער לאסט פון פּלאָגן,
וואָס קאָן איך זאָגן?
פאר דעם, וואָס קילט מיט אש דעם וויי פון זיינע ליידן,
וואָס זאָל איך ריידן?

מיט איינעם קלייד אף מיינע לענדן,
מיט קאָפּ אנטבלויזט,
מיט בלוט, וואָס אין מיין הארצן ברויזט,
וועל איך צו וויסטעניש זיך ווענדן.
די הייל וועט זיין מיין וווינונג פון באנאכט,
און ווירבל-ווינט און מידבער-זאמד מיין כאווער פון
באטאָג...

און כ'וועל אין לאנד צוריק ניט קערן,
ביז וואנען
איך וועל דאָס אויסלייז-וואָרט, דאָס פולע, ניט
דערהערן.

קיעוו, 1919